ת"ת תורה ויראה
דרב"י מסאטמאר
קרית יואל
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת

# זקניך ויאמרו לך

גליון
תתקל"ז
פרשת בהר-בחוקותי
שנת תשפ"ו לפ"ק

ז' תשצה) עס דערציילט אונזער זיידע
**הרה"ח ר' יעקב אקער שליט"א**

## לא ראיתי צדיק נעזב, וזרעו מבקש לח"ם

איך האב זוכה געווען צו הערן פון מו"ר **הרה"ק ר' יודא'לע הורוויץ מדזיקוב זלה"ה**, וואס ער האט פארציילט וואס ער האט געהערט פון א איד וואס איז געווען דערביי.

איין שבת ביים הייליגן **דברי חיים** זלה"ה איז אנגעקומען א פשוט'ער איד וואס האט געוואלט זען די עבודת הקודש ביים הייליגן צאנזער רב. עס איז געווען זייער א גרויס געשטופעניש, און ער האט מורא געהאט אז ער וועט גארנישט זען און מיטהאלטן. האט ער אריינגעבליקט ביים טיש, האט ער געזען ווי עס זיצן דארט אינגעלייט באקוועם ביים טיש. האט ער געפרעגט, "וואס איז די יחוס מיט די אידן אז זיי זיצן אינעווייניג ביים טיש?" האט מען אים געענטפערט "זיי זענען ראפשיצער איינקלעך".

איז ער צוגעגאנגען צום גבאי'ן, ר' רפאל, און זיך פארגעשטעלט אז ער איז אויך א ראפשיצער אייניקל... ר' רפאל האט אים תיכף מכבד געווען ביותרת הכבוד און אריינגעזעצט ביים טיש.

ווען דער הייליגער צאנזער רב איז אריינגעקומען צום טיש - בעפאר קידוש האט ער נישט אויסגערעדט - האט ער געוואונקען מיט די האנט אויף דעם איד "ווער איז דאס?" האט ר' רפאל געענטפערט "א ראפשיצער אייניקל".

האט דער צאנזער רב געוואונקען "וויאזוי?" האט ר' רפאל נישט געוואוסט וואס צו ענטפערן. האט מען גערופן דעם איד ער זאל קומען זיך פארשטעלן פאר'ן רבי'ן ווי אזוי ער איז א ראפשיצער אייניקל.

דער איד איז קודם געווארן פארלוירן, נאכדעם האט ער געזאגט פאר'ן רבי'ן **"מיין זיידע האט געבאקן בייגל פאר די יושבים אין ראפשיץ"**. האט דער צאנזער רב געוויזן מיט די הענט "נו, נו", ווי צו זאגן אז ער האט דאס אנגענומען אז דאס קען פארעכנט ווערן גענוג זכות, און ער איז געבליבן זיצן ביים טיש אינאיינעם מיט די אנשים מכובדים.

דאס צייגט ווי גרויס עס איז דאס חשיבות פון אידן וואס זענען מהנה צדיקים בחיים חיותם, אז דער הייליגער דברי חיים האט דאס מחשיב געווען פאר אן אייניקל וואס דער זיידע האט געבאקן בייגל פאר די חסידים אין הויף.

ז' תשטצ) עס דערציילט
**כ"ק אדמו"ר מפשעווארסק שליט"א**

## דער ספה"ק נועם אלימלך ביים בית הלוי מבריסק...

דער זיידע - כ"ק הרה"ק **רבי איציקל מפשעווארסק** זלה"ה - האט געקענט דעם **בית הלוי** (הגאון רבי יעשע בער מבריסק ז"ל).

דער שינאווער רב פלעגט פארן - נישט שטענדיג, אבער גאנץ אפט - קיין קרעניץ, וואו מ'איז געפארן זיך אויסרוען אין די קור-שטעט אין גאליציע. דער זיידע פלעגט אים באגלייטן, ער איז ביי אים געווען ממש ווי א זון. דארט אין קרעניץ האט זיך אויך געפונען דער בית הלוי, דער טאטע פון רבי חיים בריסקער ז"ל.

פאר'ן אפפארן, איז דער בית הלוי געקומען זיך געזעגענען פונעם שינאווער רב. דאס איז געווען ארום אכט-און-א האלב אינדערפרי, ווען דער שינאווער רב האט זיך געגרייט צו דאווענען ווי זיין געוועהנליכע צייט.

ווען דער בית הלוי איז אריינגעקומען, איז דער **שינאווער רב** שטיין געבליבן, און נישט געוואוסט וואס צו טון; צו שמועסן מיט'ן **בית הלוי** אויפ'ן פלאץ שטייענדיג האט נישט געפאסט, און זיך אראפזעצן רעדן פאר'ן דאווענען האט ער אויך נישט געוואלט. דער בית הלוי האט דאס באמערקט און געזאגט: "שינאווער רב, איר קענט גיין דאווענען, און איך וועל ווארטן".

דער שינאווער רב האט נישט געוואלט לאזן דעם בית הלוי שטיין, א גדול הדור, ווארטן אזוי ליידיג אן גארנישט. ער איז צוגעגאנגען צום ספרים-שאנק און ארויסגענומען א ספר ער זאל האבן וואס צו לערנען אינדערצווישן, דאס איז געווען דער ספר 'נועם אלימלך'.

דער שינאווער רב האט אנגעהויבן דאווענען, און ער האט זיך געאיילט מיט'ן דאווענען מער ווי געוועהנליך. נאכ'ן דאווענען האט ער געפרעגט דעם בית הלוי וואס ער זאגט צום ספר. האט דער בית הלוי געענטפערט: **"ער רעדט נישט צו אונז; ער רעדט דאך נאר צו צדיקים..."**

(משיח"ק במל"מ מוצש"ק תזריע-מצורע, שנת תשפ"ו)

ז' תת) עס דערציילט אונז
**הרה"ח ר' יוסף צבי גאלדענבערג הי"ו**

## נעשה נס לשושני"ם

עס איז יעצט געווען די יארצייט פון מו"ר **כ"ק אדמו"ר מקרעטשניף זלה"ה**. (ט"ז אייר)

עס איז געווען מיט היבש יארן צוריק, ווען א חשוב'ער אייניקל פונעם קרעטשניפער רבי'ן האט געווארט זיבן יאר אויף זש"ק, איינמאל בעפאר חנוכה איז ער אריין צום זיידן און ער האט זייער מפציר געווען אז דער זיידע זאל אים מבטיח זיין קינדער. האט אים דער רבי געהייסן קומען זאת חנוכה פארטאגס, וואס דעמאלטס גיבט ער זיך אפ מיט אלע שווערע קוויטלעך.

דער אייניקל איז טאקע געקומען צום באשטימטן זמן. און געגעבן א קוויטל פאר א ישועה, האט דער רבי געטייטשט במליצת לשונו הק' **"ומנותר קנקנים, פון די שיריים פון נס חנוכה "נעשה נס לשושנים", פאר די ראזענבוימ'ס..."**

דער אינגערמאן איז נישט געווען צופרידן פון די ברכה, ער האט זיך זייער גע'עקשנ'ט אז ער וויל נישט ארויסגיין ביז דער רבי וועט אים מבטיח זיין א זיכערע ישועה.

האט דער רבי אנגעהויבן צו דערציילן א מעשה פונעם הייליגן זיידן **הרה"ק רבי מרדכי'לע נאדבורנער זלה"ה**, ווען עס איז געווען אזא פאל, ער האט געדארפט פועל'ן א ישועה פאר אן אייגן קינד, און עס איז נישט געגאנגען, האט רבי מרדכי'לע געזאגט "מרדכי'לע איז אויס רבי, אויב קען מרדכי'לע נישט ברענגען א קינד פאר אן אייניקל, בין איך אויס רבי"...

האט דער רבי אויסגעפירט "איך זאג די זעלבע, אויב קען איך נישט צוזאגן א ישועה פאר מיין אייניקל בין איך אויס רבי, כ'דארף נישט די גאנצע רבי'סטעווע..."

דאן האט ער אים אנגעוואונטשן **"דער אייבערשטער זאל העלפן, זאלסט האבן פינף אינגלעך און פינף מיידלעך"...**

ברכת צדיק עשתה רושם, בחסדי ה' האט דער איד היינט צעהן קינדער - פינף אינגלעך און פינף מיידלעך, גענוי ווי דער רבי האט געזאגט - פון וואס זיבן האבן שוין חתונה געהאט בשטומ"צ בכוחו ובזכות ברכת קדשו של אותו צדיק.

ז' תתא) עס ווערט דערציילט אויף אונזער זיידע
**הגה"צ רבי שמעון זאב מיללער זלה"ה אב"ד אראד**

## אם בחוקותי תלכ"ו... גיין ווייטער...

עס איז געווען בשנת תשכ"ז ווען דער **אראדער רב** ז"ל איז געזעסן און געלערנט נעבן די בחורים אין היכל הישיבה, און א בחור האט זיך צוגעשארט צו איהם מיט א קשיא וואס האט אים געשטערט תוך כדי לימודו. דער אראדער רב וואס איז געווען א גאון עצום, ובקי בכל חדרי תורה, און א בעל מידות עד להפליא, האט זיך אראפגעלאזט צו דעם בחור, און מיט א נעימות מסביר געווען דעם מהלך אין די סוגיא.

דער בחור האט אבער נישט געוואלט נאכלאזן און ער האט כסדר געקוועטשט און געדרוקט מיט זיינע קשיות אין די גמרא.

זאגט אים דער אראדער רב "שטייט אין פסוק **"אם בחוקותי תלכו"** און רש"י הק' זאגט **"שתהיו עמלים בתורה"**, לכאורה אויב **"אם בחוקותי תלכו"** טייטשט אז מ'זאל זיך פלאגן, וואלט לכתחילה געדארפט שטיין אין פסוק **'אם בחוקותי תעמלו'**, פארוואס שטייט 'תלכו'?!"

"אלא מאי" האט ער אויסגעפירט "די תורה הק' וויל אונז זאגן אז אפילו מ'פלאגט זיך אין לערנען, מ'וויל אלעס גוט פארשטיין, **'תלכו' דארף מען קענען גיין ווייטער, בלייב נישט שטיין ביי איין פלאץ, אפילו מ'פארשטייט נאכנישט אלעס קלאר, נאר מ'דארף קענען ממשיך זיין"**.

(כמ"ש חז"ל שבת ס"ג, לגרוס איניש והדר ליסבר, וברש"י שם) (מזכרונות הרה"ח ר' דוד ירמי' ברייער הי"ו)

נתנדב לע"נ הרב הגאון רבי **אליהו** ב"ר **ישראל מרדכי** (סימאן) ז"ל ר"מ בישיבה"ק • היארצייט כ"ז אייר

ז׳ תתב) עס דערציילט אונזער זיידע

**הרה״ח ר׳ יושע מענדלאוויטש שליט״א** משב״ק

## <u>ל״ג בעומר בצ״ק פון מרן רבינו הגה״ק הברך משה זלה״ה</u>

אין די ערשטע יארן פלעגט מרן רבינו **הגה״ק הברך משה זלה״ה** פירן דעם ל״ג בעומר טיש אין ביהמ״ד הגדול אין וויליאמסבורג. פון שנת תשמ״ב, ווען ביתו נאוה קודש אין קרית יואל איז פארטיג געווארן, איז דער רבי געווען צווישן פסח און שבועות אין קרית יואל, און געפירט דעם טיש אין בית המדרש הגדול.

דער סדר פלעגט זיין אז ל״ג בעומר ביינאכט נאך מעריב האט מען געזינגען ׳בר יוחאי׳ און ׳ואמרתם׳ אין קליינעם בית המדרש בביתו נאוה קודש.

בייטאג פלעגט דער רבי דאווענען שחרית מיט די אלפי תלמידי הישיבות פון גאנץ ניו יארק, און שפעטער זאגן די ׳דרשת פתיחת הזמן׳ פאר אלע בחורי הישיבות אין גרויסן ביהמ״ד, און שפעטער נאכמיטאג איז פארגעקומען דער ל״ג בעומר טיש אין גרויסן ביהמ״ד.

די זמירות ׳**בר יוחאי**׳ און ׳**ואמרתם**׳ פלעגט פארזינגען הגה״צ ר׳ **מענדל פריעדמאן** זלה״ה, דערנאך האט דער ציבור געזינגען ׳אמר רבי עקיבא׳ און ׳צמאה׳. און מ׳האט אויך געזינגען ׳כאיל תערוג׳, וואו מ׳זינגט די ווערטער ׳צמאה נפשי לאלקים לקל חי׳, וואס גייט ארויף אויף ל״ג בעומר (כמבואר בספה״ק עבודת ישראל ליקוטים), דערנאך פלעגט דער רבי מכבד זיין הרה״ח ר׳ **דוד אייכלער** ז״ל חבר הנהלת העדה החרדית בירושת״ו, צו זינגען דעם ארץ ישראל׳דיגן בר יוחאי.

עטליכע יאר איז דא געווען הרה״ח ר׳ **יעקב חנון** שליט״א, וועלכער האט מיט זיין קול שאגת ארי אריינגעברענגט דעם נייעם אופן פון זינגען ׳אמר רבי עקיבא׳ חזן וקהל, דאס האט מעורר געווען דעם צבור מיט א התלהבות, און פון דאן איז דאס שוין געבליבן איינגעפירט.

## <u>די גרויסע הדלקה אין קרית יואל</u>

עס איז אינטערעסאנט איבערצוגעבן די גענויע השתלשלות הדברים ווי אזוי עס האט זיך אנטוויקלט די וועלט בארימטע ׳**הדלקה אין קרית יואל**׳.

אין די פריערדיגע יארן איז דער מנהג ׳**הדלקה**׳ אום ל״ג בעומר בעיקר געווען איינגעפירט אין ארץ ישראל, וואו עס איז געווען א גרויסער עסק דאס צינדן הדלקות. בשנת תש״ו ווען **מרן רביה״ק הדבר״י זלה״ה** האט געוואוינט אין ארה״ק, זענען אריבער געקומען עטליכע חשוב׳ע אידן פונעם ביהמ״ד קהל יראים, בראש פון הרה״צ רבי **עמרם בלוי** זצ״ל, צו מכבד זיין דעם רבי׳ן מיטן אנצינדן די גרויסע הדלקה וואס איז געווען צוגעגרייט נעבן די אונגארישע הייזער. דער רבי איז דעמאלטס געקומען און געצינדן די הדלקה, און מיטגעהאלטן די ריקודים וואס די נקיי הדעת שבירושלים האבן געפראוועט לכבוד דעם תנא האלקי רבי שמעון בר יוחאי.

דא אין אמעריקע איז דער גאנצער ענין פון הדלקות נישט געווען איינגעפירט. עס איז אפי׳ געווען איינמאל במשך די יארן ווען בחורים פון די ישיבה האבן אליינס געצינדן א פייער נעבן די ישיבה אן רשות פון די הנהלה, און כ״ק מרן רבינו שליט״א אלס ראש ישיבה האט אויפגעטרעטן מיט א דרשה פאר די בחורים ווי ער האט מעורר געווען קעגן דאס ארגאניזירן אליינס אזעלכע איינפירונגען אן קיין אחריות און אן רשות פון די הנהלה, און אז דאהי אין חוץ לארץ האבן אבותינו ורבותינו זיך נישט געפירט מיט דעם מנהג.

דורכאויס די יארן האט זיך אנגעהויבן הערן א פארלאנג אז אפשר איז א פאסיגע זאך מען זאל עס אויך איינפירן דאהי אין חוץ לארץ, ובפרט פאר סאטמארער אידן וועלכע האבן זיך מונע געווען צו פארן קיין ארה״ק, און האבן אויך געוואלט שפירן אביסל פון די שמחת היום כנוסח אתרא קדישא מירון.

בשנת תש״ס עטליכע טעג פאר ל״ג בעומר, בין איך איינמאל צופרי נאכן דאווענען געווען ביים רבי׳ן אין חדרו הפרטי אין היכל המתיבתא, ווען עס זענען אריינגעקומען צוויי אנשים חשובים מאנ״ש - יוצאי ארץ ישראל - הרה״ח ר׳ שלום וועבערמאן שליט״א פון ירושלים - מנהל בית רחל - און הרה״ח ר׳ יושע טעללער שליט״א פון בני ברק - מנהל התאחדות אברכים - און האבן געזאגט אז אין ארץ ישראל מאכט מען הדלקות ל״ג בעומר אויף מערערע פלעצער, נישט נאר אין מירון, וואלט גוט געווען מ׳זאל דא אויך מאכן א צענטראלע הדלקה.

האט רבינו שליט״א געענטפערט ״ס׳איז א נייע זאך וואס כ׳האב נישט געזען ביים טאטן, און נישט ביים פעטער זלה״ה, ממילא האב איך נישט קיין חשק דערצו״....

ווען זיי זענען ארויסגעגאנגען, האב איך געזאגט פארן רבי׳ן אפשר איז דאס א זאך וואס ער קען איבערשמועסן און פרעגן חוו״ד פונעם טאטן מרן ז״ל. רבינו שליט״א האט תיכף אנגערופן צום טאטן און ער האט דערציילט פארן טאטן די בקשה פון די צוויי אידן, צו מאכן א ׳הדלקה׳ דא אין קרית יואל.

עס איז געווען אינטערעסאנט די תשובה פון מרן רבינו זלה״ה: ״**לאמיר זעהן וואס איז די שאלה, ס׳איז דאך נישט קיין שאלה פון מאכן א ברכה, איז דאך נישט קיין שאלה צי מ׳מעג, די שאלה איז נאר, צי מ׳זאל איינפירן אין חוץ לארץ א מנהג ארץ ישראל, אין אמת׳ן איז ל״ג בעומר א גרויסער יו״ט אין ארץ ישראל, די בני ארץ ישראל ווערן אויפגעצויגן מיט דעם, עס ליגט זיי אין די ביינער דער יו״ט ל״ג בעומר, זיי האבן א שטארקע געפיל דערין״.**

האט דער רבי ממשיך געווען ״**איך קלער, אונזערע אבות האבן זיך טאקע נישט אזוי געפירט, אבער עס איז דאך נישט קיין בל תוסיף, וויבאלד אין די לעצטערע יארן האבן זיך דא אריבערגעצויגן אסאך בני ארץ ישראל, זאל מען זיי יא נאכגעבן און יא מאכן א הדלקה**״.

הדבר יצא מפי המלך, ווי דער רבי האט אראפגעלייגט דעם טעלעפאן, האט ער מיר געהייסן צוריק רופן די אידן, איך בין ארויסגעלאפן און כ׳האב זיי נאך געטראפן אונטן פון ישיבה בארג.

האט דער רבי געזאגט ״איך האב אייך געזאגט וואס ס׳איז געווען ׳מיין׳ חוות דעת, אבער כ׳האב גערעדט צום טאטן, ער הייסט עס יא מאכן, איז בטלה דעתי, און מ׳קען צורישן א הדלקה״.

גלייך האבן מיר זיך פארבינדן מיט די עסקנים, בראשם דער משמש נאמן להבחל״ח הרה״ח ר׳ אברהם יושע ווערצבערגער ע״ה, אז מ׳זאל צוגרייטן דעם מעמד. (ויזכרו לטובה די דעמאלטסדיגע יונגע עסקנים, מו״ה יודא יושע וויינשטאק הי״ו, האחים ר׳ דוד יודא הי״ו און ר׳ חיים שאול קאהן הי״ו. די מדורת אש האבן צוגעגרייט מו״ה שלמה הערש בראי״ עקשטיין הי״ו, ואתו עמו מו״ה חיים טורנהיים הי״ו, מו״ה שאול פיש הי״ו, מו״ה אליעזר הערש ניימאן הי״ו, ועוד עסקנים כאו״א בשמו הטוב יבורך. מו״ה יושע קארנבלי הי״ו האט צוגעשטעלט א פלאץ פאר די ׳פרחי החאלאקא׳, און נאכן גאנצן מעמד, האט דער רבי אפגעשוירן די קינדער אין חדרו הפרטי בביהמ״ד הגדול).

די אש ההדלקה איז געווען פארנט פון ביהמ״ד הגדול, דער רב פלעגט ארויפגיין אויף ספעציעלע שטיגן צו אנצינדן די הדלקה, און גלייך אראפקומען און טאנצן אין א ריקוד ארום דעם פייער, צוזאמען מיט **הגאון הגדול הדומ״ץ שליט״א** ולהבחל״ח **הגה״צ רבי ברוך מיללער זצ״ל**, ועוד חשובי הרבנים וראשי ישיבות ופני העיר.

דער ציבור איז געשטאנען ארום די ׳הדלקה׳ און אויף די שטיגן פון ביהמ״ד און מיטגעזינגען. די ניגונים פלעגט פארזינגען הרב ר׳ ברוך עקשטיין שליט״א מיט אן ארץ ישראל׳דיגן חיות און געשמאק. נאך די זמירות איז מען אריין אין גרויסן ביהמ״ד וואס איז שוין געווען אנגעפולט עד אפס מקום, דארט איז געווען א ׳מסיבת לחיים׳, מ׳האט נאכאמאל געזינגען אלע ניגוני ל״ג בעומר, און דער רבי האט געזאגט דברי תורה בלהבות אש, דערויף פלעגט זיך דער ציבור אויפשטעלן טאנצן אין ביהמ״ד מיט אן אויסטערלישע התלהבות. בו בזמן פלעגט א טייל ציבור בלייבן טאנצן אינדערויסן כל זמן די מדורת אש האט געברענט.

בשנת תשס״ו, ווען **רבינו שליט״א** איז געווען אין די ׳שלושים׳ פון הסתלקות מרן רבינו הבר״מ זלה״ה, איז געווען א מדובר צי מ׳קען מאכן די הדלקה. האט דער רבי געזאגט ״ווייל איך בין אין יאר, זאל מען צונעמען פון ציבור די ריקודין של מצוה?! דער עיקר איסור איז דאך די ריקודין, איך וועל שטיין אויף איין פלאץ און נישט טאנצן״, האט מען דעמאלט געברענגט א עמוד פאר רבי׳ן, און דער רבי איז געשטאנען אויף איין פלאץ במשך די גאנצע ריקודין.

משנה לשנה איז דער ציבור געוואקסן, עס האבן געשטראמט אידן מרחוק ומקרוב, און עס איז פשוט נישט געווען קיין פלאץ פארן ציבור, ווי אויך איז נישט שייך געווען צו קענען טאנצן כראוי לכבוד התנא האלקי. און ווי א יאר שפעטער איז גרעסער געווארן דער צורך.

דעמאלט האט מען מסדר געווען, אז די גאנצע מעמד הדלקה זאל זיין אויפן שטח רחבת ידים אויף צפון זייט פון ביהמ״ד, מיט א גרויסע בימת הכבוד, מקום מיוחד פאר עלטערע אידן, און פאר ׳**פרחי החלאקא**׳. רבינו שליט״א איז משמיע דברי הכנה והתעוררות, דערויף גייט מען צום מעמד ההדלקה, וואס איז היינט נודע בשערים בכל קצוי תבל, און א תל תלפיות פאר אלפים ורבבות וואס זענען זיך מתחמם לאורו של ״**התנא האלקי רבי שמעון**״. און די ׳חאלאקעס׳ פאר די צענדליגער קינדערלעך בליעה״ר, בשעת ווען דער גאנצער עולם טאנצט ברוב שמחה וחדוה.

ז׳ תתג) עס האט דערציילט אונזער זיידע

**הגה״צ רבי מנחם מענדל פריעדמאן זצ״ל** - ר״מ בישיבה״ק

## <u>אוועקפארן אין שנה ראשונה</u>

איך האב חתונה געהאט כ׳ אלול. דריי וואכן נאך מיין חתונה בין איך געפארן אויף יום הקדוש קיין סאטמאר להסתופף בצל קדשו פון **כ״ק מרן רביה״ק זי״ע**. איך האב געקלערט אז אויף יום הקדוש מעג מען אוועק פארן פון שטוב אפילו אין שנה ראשונה.

ווען איך האב דאס שלום גענומען ביים רבי׳ן און איך האב אים געפרעגט דערויף, האט מיר דער רבי געענטפערט ״באמת איז נישט קיין חילוק, מ׳פארט נישט אוועק אין שנה ראשונה, נאר אויף א דבר מצוה מעג מען״.

האט מיר דער רבי געזאגט בליצנדיג מיט די אויגן כדרכו בקודש ״**איז א שאלה אויב דאס איז א דבר מצוה**״.

דער רבי האט מיר דאן דערציילט אז דער הייליגער **שינאווער רב** ז״ל, אפילו בימי זקנתו ווען ער האט חתונה געהאט מיט זיין לעצטן זיוג, איז ער קיינמאל נישט אוועק געפארן פון שטוב אין שנה ראשונה אן מיטנעמען זיין רביצין.

וואו ער איז נאר געפארן, האט מען צוגעבינדן אן עקסטערע וואגן צו דעם וואגן וואו ער איז געפארן, און דארט איז די רביצין מיטגעפארן מיטן צווייטן וואגן.

**כל הזכיות שמורות למערכת זקניך ויאמרו לך**: צו איבערגעבן הערות, סיפורי צדיקים - מנדב זיין א גליון לעילו נשמת,
אדער נעמען א טייל אינעם קומענדיגן חלק וואס גייט בקרוב אין דרוק בס״ד: ביטע רופט די מערכת Tellerkj@gmail.com/845-783-0735